# וירא

שרה איז אומפרוכטבאר, געווים — מן הסתם, האט זי זעהר פיעל תעניתים געפאסט, און אלע סגולות געברויכט, אלערהאנד מעדיצינען גענומען און קוים מיט צרות, אין טי־פען, טיפען עלטער געבוירען איהר זוהן יצחק, דאס באוויזט צו ברײנגען אזא יצחק'ן אויף דער וועלט, איז ניט גרינג.

---

## ויטע אשל

צו דעם קאזניצער מגיד דער צדיק תמים, איז געקומען א דארפסמאן און איהם דערצעהלט, אז ער איז געווען א גרויסער מכנים אורח, צום סוף, איז ער יעצט אפגעברענט גע־ווארען, און זיין גאנצער פארמעגען איז פארניכטעט געווארען.

פרעגט איהם דער צדיק, האט איהר חוץ דעם עסען, זיי געגעבען א גוטע נאכט לעגער אויך? זאגט ער ניין, דאס ניט. האט איהר באגלייט יעדערען? זאגט ער ניין.

מיין טייערער, זאגט דער צדיק, דארום איז די פאסי־רונג ביי אייך געווען אזא. ווייל א'ש'ל', דעם הכנסת אורחים וואס אברהם אבינו האט געהאט, איז געווען א'ש'ל', און דער ווארט מאכט: דער אלף „אכילה" (עסען האט ער זיי גע־

געבען). דער שין פון אשל מאכט „שתיה" (טרינקען האט ער זיי געגעבען). דער למד מאכט „לינה" (נאכט לעגער) און דער למד מאכט אויך „לויה" (באגלייטען יעדערען) האט איהר נאר מקיים געווען דעם אלף, אכילה, און דעם שין, שתיה, און אלף מיט א שין, איז „אש" פייער.

---

א'ש'ל' — **א**כילה, **ש**תיה, **ל**ינה, **ל**ויה (עסען, טרינ־קען, נאכט לעגער אויך באגלייטען). א'ש'ל' — **א**מרו **ש**בח **ל**אלהים (זיי האבען געמוזט לויבען גאט), געווים זיך וואשען, ברכה ראשונה, ברכה אחרונה.

---

## הכנסת אורחים

א'ש'ל' — **א**שר **ש**לח **ל**כם (דאנקט גאט וואס ער האט אייך צוגעשיקט עסען טרינקען, געזונד און לעבען). א'ש'ל' — **א**כילה, **ש**תיה, **ל**בוש (ווייל ער האט אייך צוגע־שיקט עסען טרינקען און קליידונג). א'ש'ל' — **א**מונה **ש**למה **ל**מדם (ער האט זיי געלערענט אמת און שלום זאל ביי זיי זיין). א'ש'ל' — **א**להים **ש**מו **ל**עולם (גאט איז זיין נאמען אויף אייביג). א'ש'ל' — **א**חר **ש**לחם **ל**דרכם (נאכהער האט ער זיי אוועקגעשיקט צו זייער וועג).

---

# הכנסת אורחים

הוא אמר קמח והיא אמרה סולת, מכאן שאשה עיניה צרה באורחין.

(בבא מציעא פ״ה).

פרעגט מען אדרבה, אז ער האט געזאגט קמח, פראסטע מעהל, און זי שרה האט געזאגט „סלת״, גוטע מעהל, איז דאך א בעוויז אז זי האט געגעבן בעסערע, וויל זי דאך דעם אורח בעסער „מהנה״ זיין ווי אברהם?

דעם ווארט וואס איך שרייב דא איז איין אמת, אין דער גמרא, אזוי האבען מיר געזאגט גאונים, מבינים, משכילים, דאס איז אזוי, — ווען אברהם איז אריין געגאנגען איהר בע־טען מעהל פאר די אורחים, האט זי גענומען די מעהל, און איהם געוויזען, „הוא אמר קמח״, האט ער געזאגט, דאס איז צו פראסטע מעהל, דאס איז קמח — מען דארף זיי געבען בע־סערע. „והיא אמרה סלת״, און זי האט געזאגט טאקע אויף די קמח, דאס איז „סולת״, עס איז גוטע מעהל גענוג פאר זיי. פיהרט אויס די גמרא „מכאן שאשה עיניה צרה באורחים״, פון דעם איז א באוויז אז א פרוי גלייכט ניט קיין אורחים, ווייל הוא אמר קמח, ער האט געזאגט דאס איז פראסטע מעהל, והיא אמרה סלת, און זי האט געזאגט, גענוג גוטע מעהל, איז דאס אויף די זעלבע מעהל, ודו״ק.

(די וועלט קען מאכען פשט׳לאך אויף דעם מאמר, אבער אין גמרא זאגט רש״י דייטליך היא אמרה קמח והוא אמר סלת, במילא האבען אלע פשט׳לאך קיין ארט ניט, אפילו מיינער אויך ניט).

## ווי גרויס די מצוה איז פון הכנסת אורחים

והוא עומד עליהם.

דער צדיק פון פּארשיסחא זאָגט, אז דער וואָס איז מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים, איז ער זוכה אז ער איז מקבל פון די „אורחים" זייערע מדות, און דאָ האָט אברהם אויך געקראָגען זעהר אַ גוטע מדה פון די מלאכים, און די מדה פון מלאכים איז צו זיין עומדים, די מדה פון מענשען איז צו זיין „הולכים".

ביידע מדות, איז יעדע פון זיי האָט אַ מעלה מיט אַ חסרון: די מעלה פון מלאכים — „עומדים", איז די מעלה, זיי קענען ניט זינדיגען, זיי שטעהען אויף איין פּלאַץ, און דער חסרון איז זיי קענען זיך ניט ארויפארבייטען צו אַ העכערען גראַד.

די מעלה פון הולך איז, דאָס די מענשען קענען זיך ארויף ארבייטען, העכער און העכער, וואָס מלאכים די עומדים, קענען עס ניט. אבער דער חסרון איז פון די מעלה הולך, דאָס די מענשען קענען אראָפּפאַלען נידריג, צוליעב זינד, ח"ו.

דאָס זאָגט די תורה „והוא" און ער, אברהם, האָט געקראָגען די מעלה „עומד" פון די אורחים זיינע, ער זאָל ניט פאַלען פון זיין מדרגה, איז דאָך אבער אַ חסרון, וואָס ער קען ניט העכער ווערען, ווי באַלד ער איז אַ „עומד", ניין — עליהם, ער איז איבער זיי, ער איז העכער, די מדרגה הולך, האָט ער אויך...

---

## קיילענען זייערע קינדער

אַ גרויסער וואונדער: אברהם אבינו האָט געפיהרט זיין זוהן צו דער עקדה, און האָט איהם ניט געקוילעט. קלאָ-

געז מיר דארויף זעהר פיעל. און יעצטיגע צייט, קוילענען עלטערען אפ זייערע קינדער מיט זייער נארישען ערציהונג, און אימיצער זאל דאס גאר א טרעהר לאזען, ודו"ק היטב.

---

וד׳ פקד את שרה ויעש ד׳ לשרה כאשר דבר, מה ויעש שהוסיפה על המאורות, כתיב הכא ויעש, וכתיב התם ויעש ד׳ את שני המאורות הגדולים וכו׳.

(מדרש וירא).

וואס איז דאס געמיינט, ער האט איהר געמעהרט אויף די ליכט, די זוהן און לבנה? דער פסוק זאגט, השמים מספרים כבוד אל וגו׳, אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם. פריהער זאגט ער די הימלען דערציהלען דעם כבוד פון גאט, און גלייך נאכדעם זאגט ער אין אומר ואין דברים, ניט זיי זאגען, און ניט זיי ריידען, ביידע זאכען ניט.

נאר באמת טאקע זאגען די ספרים, אז ניט זיי זאגען, ניט זיי ריידען, דער כח הדבור איז נאר געגעבען געווארען צום מענשען, אבער ניט צו קיין בריאה. נאר דאס מיינט אז דורך די הימלען און אלע מזלות, דערציהלען די מענשען דעם כבוד אל, פון אזא הערליכע בריאה, פארשטעהען די מענשען פון גאט דעם באשעפער. „השמים" די הימלען „מספרים" דער־צעהלען, זיי מאכען דערציהלען, א „פועל יוצא" — זיי מא־כען אז די מענשען זאלען דערציהלען „כבוד אל" — אבער צו די הימלען אליין איז — „אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם", עס ווערט ניט געהערט זייער שטימע, דאס זעלבע דורך די צדיקים ווערט באוואוסט כבוד מעהר, פיעל מעהר, ווי דורך די הימלען. און גאנצע צבא השמים אויף די הימלען, מיט אלע פלאנעטען, דורך די צדיקים און כלל ישראל, איז מעהר נכר די גבורות ד׳.

דורך אברהם׳ס סבות, וועלכע ער האָט מיט געמאַכט: קאָלך אויווען און אזוי ווייטער, „מלחמת מלכים" און דער עיקר וואָס הקב"ה האָט משנה געווען מיט זיי דעם גאַנצען „סדר בראשית", אַ ניינציג יעהריגע זקנה, פאר צרה׳טע, פאר־טריקענטע, האָט אַ קינד געבוירען. און אזוי איז דער גאַנצער כלל ישראל, אַז דער שוואַכער שעפסעלע עקזיסטירט צווישען אזוי פיעל לייבען, בערען, טיגערס און אזוי ווייטער, זעהט מען דען ניט די גבורות ד׳?

דאָס זאָגט דער מדרש „וד׳ פקד את שרה" און גאָט האָט באַפעהלט שרה׳ן מיט אַ קינד, דער מיט „ויעש ד׳ לשרה" האָט גאָט געמאַכט צו שרה׳ן, פרעגט דער מדרש וואָס באַ־דייטעט דער „ויעש ד׳ לשרה" אַז ער זאָגט פריהער „וד׳ פקד את שרה" — און וואָס איז דער אויסדרוק ויעש?

ענטפערט דער מדרש אין אַ פּאָר בריליאַנטענע ווער־טער, „שהוסיפה על המאורות", דער „ויעש" באַווייזט, מיט אַזאַ נס וואָס גאָט ב"ה האָט געמאַכט צו שרה׳ן האָט ער אויף איהר געמערט, נאַכמעהר, ווי די זון מיט דער לבנה און שטערן וואָס פון זיי איז דאָך דער מענט באַגייסטערט, און זיי דערצעהלען דאָך, און מאַכען דערצעהלען גבורות ד׳, אָבער ווי פריהער געזאָגט, אָבער דאָך, זיינען פאראן כופרים וואָס זיי זאָגען עולם כמנהגו נוהג, עס איז אלעס נאַטור און דאָס אלעס. אָבער דער נס פון שרה און אברהם, איז מעהר וואונדער ווי די פּלאַ־נעטען דערצעהלען, אלע זעהען דעם נס, אויך מיט די אידען, וואָס ער מאַכט מיט זיי נסים ונפלאות, איז פון דעם גרעסער דער וואונדער ווי פון די מאורות שהוסיפה על המאורות, פון די וואָס השמים מספרים כבוד אל. איצט קוקט איין אין מאמר כתיב הכא ויעש וכתיב התם ויעש ד׳ את שני המאורות.

---

פון וואנען קומט אַממעהרסטען ראַק קראנקהייט (קענסער)? ראַק מען לויפט, ראַק מען פליהט, ראַק ניטאַ,

ראק קיין צייט ניט, ראק מען מוז, ראק מען דארף, רק אין יראת אלהים במקום הזה, ראק עס פעהלט, ראק מען ארבייט טאג און נאכט — קומט דערפון דער ראק.

---

דעם ארימאנס טענה צו א לעבעל ברויט: — מיין טייערער ליבלינג, ביי מיר און ביי מיינע קינדער, ווילסטו ניט קומען, נאר צום גביר געהסטו?!

— מיין פריינט! — זאגט דער לעבעל ברויט צום ארימאן — אז איך קום אריין צום גביר, פיהרט ער זיך מיט מיר מיט גרויס דרך ארץ, מען שניידט מיר שעהנע שטיקלאך, שמירען מיר מיט פוטער, מיט אלערליי איינגעמאכץ, איך האב כבוד...

אבער אז איך קום אפטמאל אריין צו דיר, באפאלען מיר דיין ווייב און דיינע קינדער, מען רייסט פון מיר שטיקער, מען שלינגט מיר טרוקענע, אין איין ווייל בין איך שוין ניטא, דעריבער וויל איך ניט קומען צו דיר...

---

אתה פתחת פתח לעוברים ושבים.
(מדרש).

דו האסט געעפענט א טהיר פאר די עוברים ושבים, פאר די וועלכע פאהרען אהין און אהער, אברהם האט גע־דארפט זיך בעשניידען, האט ער זיך ניט געשעמט מיט דער מצוה, פאר „ממרא" אפילו, און האט זיך מיט איהם דורכ־גערעדט ווי ער זאל דאס טאהן, ווי בעסער איז, אבער היינ־טיגע אז זיי דארפען תפלין לייגען, שעהמען זיי זיך פאר א גוי. אברהם מיין קינד, מיט דעם וואס דו האסט זיך ניט געשעמט

פאר קיינעם, דערמיט — „אתה פתחת פתח לעוברים ושבים", האסטו אויפגעעפענט א טיהר פאר די עוברים ושבים, פאר די רייזענדע פאר אמעריקאנער פעדלער, פאר סיילסלייט א. אז. וו. — מען זאל זיך ניט שעהמען פון צו טאהן א מצוה, אדרבה זיי וועלען איהם נאך מעהר גלייכען.

---

## צ ד ק ה

ווען א דאקטאר באטראכט א קראנקען, די ערשטע זאך קוקט ער איהם אויפ'ן האנט, דעם פולס, ווי דער פולס קלאפט. ווען מיר ווילען וויסען דעם געזונטען שטאנדפונקט, פון דעם גייסטיגען צושטאנד, פון דעם מענשען, באטראכטען מיר אויך זיין האנט, ווי זי קלאפט, דאס הייסט ווי זי גיט צדקה... און די הארץ ווי זי איז.

---

## יאַגדעס קלייבען
### (צדקה)

ניט ווייט פון ווילנא, איז געווען א גרויסער וואלד, צוויי רוסישע מייל קוואדראט. צו צוויי שותפים האט עס געהערט, ראובן און שמעון. פון אלע שטעטלאך פלעגען די פרויען זיך צוזאמען קומען קלייבען יאגדעס, ביי הונדערט יעדען טאג.

ראובן זאגט צו שמעון, מיין ליבער שותף, ווארום זאל זיין אונזער וואלד הפקר, ווען מיר זאלען מאכען אפילו צו צעהן קאפיקעס, פון א פרוי פאר דעם אריינגאנג, וואלטען מיר טויזענט טאלער געמאכט.

טאקע זאגט שמעון, זאג וואס קאנסטו טאהן, אז זיי וועלען ניט נעהמען, וועלען זיי ניט אריינגעהן אין דעם ברעג, וועלען זיי אריינגעהן אין איין אנדער זייט, דו קענסט ניט שטעלען היטער, מען זאל ניט אריין לאזען.

איך האב א פלאן, זאגט ראובן, מיר זאלען יא אריינלאזען, מיר וועלען די ארבייטער געבען אויף שנאפס, פארנאכט זעקס אזייגער זאלען זיי באוואכען דעם וואלד, און ווען זיי וועלן ארויסגעהן, זאלען די ארבייטער צו נעהמען אלעס וואס זיי וועלען אנקלייבען, איין מאהל, און נאך אמאל, וועלען זיי שוין נעהמען טיקעטס, און הויב דאס אן טאקע היינט.

איבער הונדערט זיינען אריין. צוועלף אזייגער קלייבען זיי זיך צוזאמען אלע אויף איין ארט, אזוי איז זייער שטייגער, עפעס צו עסען. אלע קערבלאך (בעסקעטלאך) זיינען דאן האלב פול, איינע האט אנגעקליבען פינף טעפ, איינע זעקס, און אלע אזוי. נאר איינע א וויכנע דוואשע, האט אין גאנצען א גלאז יאגדעס, האבען אלע ווייבער געמאכט א גרויסען געלעכטער, געהען אזוי ווייט פון שטאט און גארניט אנקלייבען, דאס איז א מאדנע פוילקייט, אלע האבען איהר גערופען שלים׳מזל׳ניצע, זי איז פארשעהמט געווארען און גארניט געענטפערט. פארנאכט זיי האבען זיך צוזאמען געשריהען און באטראכט אז יעדע פון זיי האט צו אכט אדער ניין טעפ יאגדעס, און וויכנע דוואשע האט דריי גלאז, האט מען געלאכט אויף וואס די וועלט שטעהט, זי האט זיי אנגעקוקט, מאדנע ווילד וואס ווילד הייסט.

זיי זיינען נאר ארויס פון וואלד, זיינען זיי באפאלען די קאצאפעס און צוגענומען פון ציפען די זיבען טעפ, און פון יענטען די אכט, און אזוי פון אלעמען, און פון וויכנע שלים׳מזל׳ניצע די פאר גלעזער.

זיי זיינען אפגעגאנגען נאר א פופציג טריט פון וואלד, זאגט צו זיי וויכנע דוואשע מיט א הויכען קול, א גאנצען טאג האט איהר געלאכט פון מיר, אבער יעצט וועל איך צו אייך

אביסעל ריידען, וועט איהר דארפען פארדעקען אייערע פנים׳ער פאר שאנדע, און בעסקעט קריכען ניט אריין אליין די יאגדעס, מען מוז זיך גוט בויגען, און צו שטעכען די הענט, אייערע ביינער, און דער קרייץ איז גענוג צובראכען, מען מוז גוט שווער הארעווען, ביז מען קלייבט אן אכט- ניין טעפ פון איינציגע יאגדעס, איך האב ניט צו זארגען, איך דארף ניט האבען קיין יסורים, וואס האט מען צו גענומען פון מיר אין גאנצען דריי גלעזער, און ווערדע פון ניין קאפיקעס, אבער אייער איצטיגער פארדרוס, יעדער פון אייך האט געהאט פאר א פאר רובעל ווערדע, און אייער מאטערניש, דאס איז גאר ניט? און אייער געזונט? איך בין איצט געזונד. איך האב גאר ניט אנגעווארען, איצט לאך איך פון אייך, מיר געהען אהיים אלע ווי מיר זיינען געקומען..

אבער הערט מיר נאך אויס, וועט איהר דארפען די פאפלעקציע באקומען, ווען איך וועל באלד לאכען פון אייך. איך האב זיך בארעכענט קלייבענדיג, טאמער איז דאס ניט קיין הפקר וואלד, טאמער נעהמט מען צו פון מיר, וואס איך האב אנגעקליבען, א קשיא אויף א מעשה, האב איך געטאהן אזוי, — ווען איך האב אנגעקליבען צוויי טעפ, האב איך אריינגעשאטען אין דער טארבע, אין דער רעכטער זייט, נאך צוויי טעפ אין דער לינקער זייט אין טארבע, איהר זעהט אט איז דאס, דריי טעפ, אט האב איך אונטער דער פארטשיילע (טוך), איהר זעהט אייער שלים׳מזל׳ניצע, וויכנע דוואשע. און פאר זיי אין די אויגען האט זי אנגעשאטען א פולען בעסקעט מיט יאגדעס. נו, — וואס זאגט איהר איצט צו אייער שלים׳מזל׳ניצע, וויכנע דוואשע, — פון וועמען איז מעהר צו לאכען, פון מיר אדער פון אייך?

דער לאנגער שעהנער משל איז אזוי: די וועלט איז דער גרויסער וואלד. (בבא מציעא) „העולם הזה דומה ליער”, די נשמה איז אראפגעשיקט געווארען אין דעם וואלד, צו קלייבען יאגדעס, ד. ה. מעשים טובים, איינער קלייבט געלט, הייזער,

פארמעגען, איינער מעהר, איינער וועניגער, און דער וואָס קלייבט ווענינ, אַט דעם רופט מען שלומיאל, אפילו זיין ווייבעל רופט איהם שלומיאל, אויך ביי די קינדער זיינע האָט ער אַ פנים פון אַ שלומיאל. אַבער אז מען דארף ארויסגעהן פון וואַלד, פון דער וועלט, קומט אַזאַ מין קאַצאַפּ פול מיט אויגען, ער נעהמט צו דאָס געלט, די הייזער און ברייזער און איהם בלייבט מעהר ניט ווי די תכריכים, אַבער לעבעדיגערהייט מיינען זיי אַז די וועלטעלע איז אַ הפקר וועלטעלע.

אַבער דער שלומיאל האָט זיך געטראַכט, אז די וועל־טעלע איז ניט הפקר, דער וואַלד איז טאַקע צו קלייבען, אַבער וואָס טהוט מען אַז דער קאַצאַפּ, דער מלאך המות וואָס איז מלא עינים, מיט אַ שרעקליכען אויסזעהן, און ער וועט צונעהמען אַלעס וואָס ער האָט געקליבען. טאַקי נו — טאַ וואָס וועט דאַן זיין? וואָס האָט ער אויפגעטאָהן? באַרעכענט זיך דער שלומיאל (אין די ציפּעס אויגען) שיט ער אַראָפּ אַ סך אין אַזאַ פּלאַץ, וואו דער קאַצאַפּ זאָל ניט קענען צונעהמען פון איהם ווען ער באַפאַלט איהם, שיט ער אַראָפּ אַ שחרית, אַ מנחה, אַ מעריב, אַ פּרק משניות, אין דער רעכטער זייט טאַר־בע. די לוחות די ערשטע זייט איז לימין, בין אדם למקום, אין דער צווייטער זייט טאַרבע די לינקע זייט, בין אדם לחבירו, צדקה אלערליי, און אַלעס בין אדם לחבירו, דאַן פארשטעהט מען זעהר גוט, לאַכט דער שלומיאל פון די יאַגדעס קלייבער, די גרויסע — איהר געהט אַוועק מיט פּוסט און איך מיט פולען.

---

## פון מלאכים מענשען

די דורות וועלכע זיינען געווען פאר אברהם אבינו, האָ־בען געמאַכט פון מענשען מלאכים, זיי זאָלען ניט עסען, ניט

טרינקען, ניט שלאָפען. און חנוך קען דאָס אונז איבערצייגען, ווי ער איז געוואָרען פון אַ מענש אַ מלאך.

און אברהם האָט געמאַכט פון מלאכים מענשען. ער האָט זיי אויס געלערענט צו עסען, צו טרינקען. קלעהרט מיינע לעזער ווער איז בעסער, און אין וועלכען וועג איז גאָט מער צופרידען? טויזענדע בעווייזע אויף דעם, אַז אַברהם׳ס וועג איז בעסער.

---

## זוכט ניט קיין כבוד

וישכם אברהם בבקור וגו׳, ויקח את שני נעריו אתו וגו׳, ביום השלישי וישא אברהם את עיניו וירא את המקום מרחוק, ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור, ואני והנער נלכה עד כה.

אַ רב מפורסם איז געקומען אויף אַ שבת קיין בראָד, דער רב איז געגאַנגען באַזוכען דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער. מיט דעם רב איז מיט געגאַנגען אַ גרויסער עולם, פון זיין כבוד וועגען, איהם צו באַגלייטען. פרעגט ר׳ שלמה, ווער זיינען די מענשען, האָט ער געענטפערט, דאָס זיינען פרעמדע צו מיר, נאָר זיי זיינען געגאַנגען מיט מיר פון מיין כבוד וועגען.

האָט ר׳ שלמה געזאָגט, ניין! איך גלייך ניט קיין כבוד, ניט אַזאַ כבוד, און ניט אַנדערע, אַזוי ווי איך האָב אַמאָהל געזאָגט בדרך הלצה, זאָגט ר׳ שלמה, „וישכם אברהם בבקר ויקח את שני נעריו אתו", אברהם איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און מיטגענומען צוויי יונגען זיינע. מן הסתם איז דאָן אויך געווען אַזאַ מאָדע, אָבער וואָס איז דערפון געוואָרען, — „ויהי ביום השלישי", עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, „וירא את המקום מרחוק", האָט ער געזעהן

דעם ארט נאך גאנץ ווייט. אברהם האט עס אבער באלד פארשטאנען, „ויאמר אל נעריו שבו לכם פה עם החמור", זיצט אייך דא צוזאמען מיט דעם אייזעל. און טאקע באלד, ווי ער האט אנגעהויבען נאר געהן אליין, „ויבאו אל המקום אשר אמר לו האלהים", איז ער באלד געקומען צום דעם פלאץ, וואס גאט ב"ה האט אים געזאגט, ודו"ק.

---

## הכנסת אורחים

די גמרא זאגט: „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה", הכנסת אורחים איז א סך גרעסער די מצוה ווי ארייננעמען גאט. פון וואנען ווייסט מען דאס? זאגט די גמרא פון אברהם: „וירא אליו ד'", גאט איז געשטאנען ביי אברהם און גערעדט מיט איהם, און ווי ער האט דערזעהן די אורחים, האט ער געזאגט צו גאט „אל תעבור מעל עבדך", רבש"ע, שטעה דא און געה ניט אוועק ביז איך וועל די אורחים ארייננעהמען. איז טאקע אפגעלערענט פון אברהם אבינו, דאס „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה". פרעגט זיך אבער אברהם אבינו פון וואנען האט עס געוואוסט, ענטפערט מען אזוי, אברהם האט געדינט גאט מיט זיינע אברים, די אברים האבען ניט דענקענדיג געטאהן די מצוה, די הענט צו תפלין, די פיס לויפען אליין צו אורחים, און אז ער איז געזעסען ווען גאט האט מיט איהם גערעדט, ער האט דערזעהן די אורחים, האבען זיינע פיס גענומען לויפען פון זיך, האט ער פארשטאנען, אז מען מעג איבערלאזען גאט, און געהן צו די אורחים, ודו"ק.

---

## תפלין און די פרשיות
### (צדקה)

די פרשיות פון של יד, זיינען אלע פרשיות צוזאמען אויף איין לאנגען פארמעט, און פון של ראש זיינען פיער באַזונדערע פרשיות, ווארום איז דאָס אזוי? פילייכט צוליעב דעם: אז היינטיגע צייט, מיינע טייערע, איז דער יוגענד, זעהר אויפגעקלעהרט, און אויך די מיטל יאָריגע אידען, פיעל אויפגעקלעהרט, דער איז אַ ציוניסט, דער צווייטער אַן אַנאַרכיסט,, דער דריטער אַ סאָציאַליסט, דער פערטער אַ בודיאיסט, דער פינפטער אַ ניהעליסט, דער זעקסטער אַן אָרטאָדאָקס, דער זיבעטער אַ גאָרנישט, נאָר אַן אָקס, דער אַכטער אַ רעפאָרם, דער נייטער אַ פיפטי פיפטעניק, אויך פון גאָר די לינקע זייט, אַט אזוי כתות און כתות.

אַלזאָ מיט דיין קאָפּ, דענק וואָס דו דענקסט, פיער באַזונדערע „פרשיות" אין של ראש, דענקער איז פאראן אַ סך... אָבער ווי עס קומט צו דער האַנט, העלפען אימיצען, העלפען אָרימע, זיינען און דארפען אַלע ווערען איינס. יעדער דאַרף טרייען פאר דעם צווייטען. דער של יד, איז איין פרשה, ניטאַ קיין כתות, אלע צו דעם אונגליקליכען, צו צדקה, אלע איין האַנט, העלפט אלע צוזאמען, און זאָל דער זיין וועלכער איז אומגליקליך, פון וואָס פאר אַ כתה, מאַכט ניט אויס, העלפט, העלפט, אלע צוזאמען, אויס כתות פאר דעם אומגליקליכען.

---

## נאָר כבוד

אַ חשוב'ער אָרימאַן איז געקומען צו אַ גביר, וועגען אַ חשוב'ער הילף, האָט ער איהם בכבוד אויפגענומען, אָבער

קיין סענט ניט געגעבען. ארויסגעהענדיג פון'ם גביר'ס הויז, האט דער איש נכבד געזאגט:

„הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד", ער האט מיר געשפייזט מיט כבוד.

---

ביי א גביר אבער א גרויסער קמצן, איז א עני חשוב אריין נאך א נדבה, האט ער איהם ענטזאגט. ארויסגעהענדיג, האט דער ארימאן איהם געבענשט, דאס השי"ת זאל איהם געבען די ברכה, וואס ער האט געגעבען צו אברהם אבינו. דעם גביר־קמצן, איז דאס געווען א וואונדער, ער האט אויף איהם געשריהען און ניט געגעבן און צום סוף בענשט ער איהם מיט אזא טייערע ברכה.

האט ער איהם נאכגעיאגט און אריינגערופען צוריק און פרעגט איהם, וואס האט איהר געמיינט, מיט דער ברכה, אז גאט זאל מיר בענשען ווי ער האט געבענשט צו אברהם אבינו?

גאר פשוט, זאגט דער ארימאן, פריהער האט אברהם אבינו געהייסען אברם, האט איהם גאט ב"ה געבענשט און האט איהם צוגעלייגט דעם אות ה' צו זיין נאמען. גאט ב"ה זאל דיר פאסקודניאק צולייגען צו דיין נאמען דעם אות ה', און אזוי ווי דיין נאמען איז דאך מן, וועט דיין נאמען ווערען המן, און די מפלה פון המן אויף דיין קאפ.

---